בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# אַ נֵייעֶ װֶועלְט

װי עֶס װֶוערְט עֶרְקְלֶערְט אַז דוּרְךְ די עֵצוֹת און לִימוּדִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶפֶּענְט זִיךְ "אַ נַייעֶ װֶועלְט", װִי יֶעדֶער אִיד - סַיי װֶוער - קֶען װֶוערְן אַ צַדִיק, אוֹיבּ עֶר זָאל נָאר פָּאלְגְן די גְרִינְגֶע עֵצוֹת בִּתְמִימוּת.

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א

בַּמִדְבָּר תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט און בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף די װֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער און פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

און אוֹיף די װֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ, אַ װאוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט, װָאס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַּארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

און עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, און מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא און מִדְרָשִׁים און הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעװָארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**מתיבתא היכל הקודש**
Mesifta Heichal Hakodesh
1129-42nd Street
Brooklyn NY 11219

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
79 Decatur Avenue.
**347-243-2992**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site: www.breslevcity.co.il**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at:**

**amazon.com** or at: **mohorosh.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-481-3321**

breslevcity.co.il

# אַ נֵייעֶ וֶועלְט

## א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רעט): פוּן נָאךְ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וָואס הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶועןְ מוֹרָא'דִיגֶע חִידוּשִׁים אוּן נֵייעֶ סוֹדוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, [וַוייל בִּיז דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אִיז גֶעוֶועןְ בַּאהַאלְטְן אוּן פַארְהוֹילְן אַלֶע 'סוֹדוֹת הַתּוֹרָה', אוֹיסֶער גֶעצֵיילְטֶע צַדִיקִים הָאבְּן פוּן דֶעם גֶעוואוּסְט, אָבֶּער פוּן וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן 'זֹהַר' אִיז דָאס גֶעוָוארְן אָפֶען פַאר דִי גַאנְצֶע

breslevcity.co.il

וֶועלְט [1] (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תיט; סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אַחַר מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ)], אוּן פוּן נָאךְ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי

---

[1] כָאטשִׁיג דֶעם זוֹהַר וָואס מִיר הָאבְּן הַיינְט אִיז אַ צֶענְטְל פוּן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, וַוייל דֶער זֹהַר אִיז הֶערְשְׁט נִתְגַלֶּה גֶעוָוארְן הוּנְדֶערְטֶער יָארְן נָאךְ דִי הִסְתַּלְּקוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, וֶוען מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דִי ׳כְּתָב יַד׳ פוּנֶעם זֹהַר, וָואס רֶבִּי אַבָּא הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, וַוייל דֶער סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז גֶעזִיצְן צוּזַאמֶען מִיט דִי ׳הֵיילִיגֶע חֶבְרַיָּא׳ אוּן גֶעזָאגְט תּוֹרָה, אוּן רֶבִּי אַבָּא הָאט דָאס אַלֶעס פַארְשְׁרִיבְּן, עֶס אִיז דָא אַ גַאנְצֶער סִיפּוּר וְוִי אַזוֹי עֶס אִיז נִתְגַלֶּה גֶעוָוארְן (עַיֵּין הַקְדָּמַת אוֹר יָקָר עַל הַזֹּהַר, לְהָרַמַ״ק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה).

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט מֶען זָאל לֶערְנֶען זֹהַר (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קח, קכח), אוּן וֶוער עֶס לֶערְנְט ׳זֹהַר׳ שְׁפִּירְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע דֶערְהוֹיבֶּענְקַייט, עֶר וֶוערְט גֶעוָואר אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ וֶועלְט, וַוייל אִין דֶער גַאנְצֶער זֹהַר שְׁטֵייט נָאר וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט פוּן יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט, לְמָשָׁל וֶוען אַ אִיד גֵייט אִינְדֶערְפְרִי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אַרַיין, בַּאגְלֵייטְן אִים אָן אַ שִׁיעוּר מַלְאָכִים, אוּן רוּפְן אוֹיס מִיט גְרוֹיס פַארַאד: ווָאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט יֶעצְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ! אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט, גֵייט אַרוֹיס פוּן הִימְל מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁבָחִים אוֹיף אִים: זַכָּאָה בַּר נָשׁ – ווָאוֹיל אִיז דֶעם אִיד וָואס טוּט דִי אוּן דִי מִצְוָה. פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ אִיז חַס וְשָׁלוֹם דוּרְךְ גֶעפַאלְן, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה, הֶערְט עֶר דִי כְּרוּז וָואס מֶען רוּפְט אוֹיס אִין הִימְל: וַי לֵיהּ לְהַאי בַּר נָשׁ – וַויי אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז עוֹבֵר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס בַּאפֶעל. וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם): עֶס אִיז זֵייעֶר מְסוּגָּל צוּ לֶערְנֶען ׳זֹהַר׳; אוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן וֶועקְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלָאף (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, בַּהַקְדָּמָה ׳הִתְגַלּוּת נִפְלָא מִסּוֹד גְּדוּלַּת רַשְׁבִּ״י׳, וּבְפֵרוּשׁ שְׂפַת הַנַּחַל שָׁם; וְסִימָן ס׳), וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער לָשׁוֹן פוּנֶעם ׳זֹהַר׳ וְוִי עֶר דְרוּקְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיס אוֹיף יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט: ווָאוֹיל אִיז אִים

breslevcity.co.il

און וואויל איז זיין חלק! דאס ציהט א מענטש מורא'דיג שטארק צום אייבערשטן, און צו לערנען תורה.

און צו לערנען זהר איז נישט אזוי שווער ווי מען מיינט, מען דארף זיך נאר צוגעוואוינען צום לשון פון 'תרגום', אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן סימן קט): רבי שמעון בר יוחאי האט אזוי שטארק מקדש געווען די לשון פון תרגום אז אפילו אנדערע זאכן וואס ווערן געשריבן אויף תרגום האבן שוין אויך א כח צו ציהען א מענטש צום אייבערשטן. און דארט ווי עס איז דא שווערע קבלה זאכן גייט מען ווייטער, מכל שכן היינט ווען עס איז שוין דא גרינגע פירושים אויפן זהר, צום ביישפיל: דמשק אליעזר [מהרה"ק רבי אליעזר מקאמארנא זכותו יגן עלינו], הסלם, מתוק מדבש.

און דאס איז דער טייטש פון זהר - 'לעכטיג'. ווייל אז מען לערנט 'זהר' ווערט לעכטיג פארן מענטש (עיין זהר נשא, קכ"ד ע"ב), ער ווערט געוואר ווי מורא'דיג חשוב עס איז אין הימל ווען א איד גייט מיט 'ציצית', 'תפלין' וכו', און ווי ווייט יעדע איינציגסטע זאך וואס א איד טוט דא אויף דער וועלט איז פארבינדן מיטן באשעפער, און אז א מענטש האט חתונה געהאט, און עס איז דא 'שלום בית' מיט א 'קירוב לבבות', ער לעבט צוזאמען מיט זיין ווייב מיט א מורא'דיגע ליבשאפט, איז דאס אין הימל א מורא'דיגע שבח, עס ווערט דערפון א זיווג עליון, און אזוי א שטוב וואס האט א 'מזוזה' שטופט מען אוועק פון דארט דעם מלאך המות, אזוי ווי דער זהר הקדוש זאגט (תקוני זהר דף כה ע"א; זהר חדש רות, דף פה ע"א): 'מזוזת' איז די ווערטער זז-מות - מען רוקט פון דארט ארויס דעם טויט. און אזוי איז דער זהר הקדוש מגלה די חשיבות אין הימל פון יעדע קליינע מצוה, וואס דורכדעם ווערט א מענטש געוואויר אז נישט אלעס איז "געלט" און "כבוד" און "תאוות", עס איז דא עפעס העכערס פון דעם.

אבער מען זעהט אז אויף דער וועלט איז נעבעך דא קליין-קעפיגע מענטשן, וואס זיי האבן חלישות הדעת ווען יענער האט 'כבוד מלכים', מען האט יענעם באגלייט מיט פאקלען און מיט לעמפלעך, בשעת שלמה המלך זאגט (משלי כה, ב): כבוד מלכים

breslevcity.co.il

חֲקוֹר דָבָר; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֶענִיגְלִיכֶע כָּבוֹד, מֶען בַּאגְלֵייט אִים מִיט פֶּערְד אוּן מִיט לֶעמְפְּלֶעךְ אוּן טְרָאמְפֵּייטֶערְס, ׳חֲקוֹר דָבָר׳ - קוּקְט מֶען אִים נָאךְ; אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן טַעֲנוֹת: פַּארְוָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶּעלְט צוּ פַּטֶר׳ן אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר גָארְנִישְׁט, וֶוען מֶען נֶעמְט וֶוען דִי גֶעלְט, אוּן מֶען מַאכְט דֶערְמִיט חֲתוּנָה אַפָּאר אָרֶעמֶע כַּלוֹת, וָואלְט מֶען אַסַאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה גֶעהַאט. אָבֶער זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (שָׁם): **כְּבוֹד אֱלֹקִים הַסְתֵּר דָּבָר**; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס כָּבוֹד - גֶעטְלִיכֶע כָּבוֹד, דָאס אִיז אַ בַּאהַאלְטֶענֶע כָּבוֹד וָואס קֵיינֶער קֶען נִישְׁט קְרִיגְן דֶערוּף (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ו).

דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ אִיד וָואלְט וֶוען גֶעזֶעהְן וִויפְל מַלְאָכִים עֶס בַּאגְלֵייטְן אִים אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וָואלְט עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל טַאנְצֶעדִיג פוּן גְרוֹיס פְרֵייד, אָדֶער וֶוען עֶר וָואלְט גֶעזֶעהְן, וִויפִיל מַלְאָכִים שְׁרַייעֶן, אוּן רוּפְן אוֹיס: וואוֹיל אִיז דִיר! לֶעכְטִיג אִיז דִיר! יֶעדֶע מָאל וֶוען עֶר קִישְׁט דִי מְזוּזָה, וֶוען עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, וְכוּ׳, וָואלְט אִים נִישְׁט גֶעגְלִיסְט צוּ זִינְדִיגְן בִּכְלָל, בִּפְרַט אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה, קֶענֶען אֲפִילוּ מַלְאָכִים נִישְׁט דָארְטְן שְׁטֵיין פוּן גְרוֹיס קְדוּשָׁה, מִכָּל-שֶׁכֵּן וֶוען אִידְן הַאלְטְן זִיךְ צוּזַאמֶען, אַזוֹי וִוי דֶער גְרוֹיסֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער **מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** הָאט נָאכְגֶעזָאגְט וָואס עֶר הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט פוּן זַיין רֶבִּי׳ן דֶער **בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ** (עַיֵּין בְּתַנְיָא, אִגֶּרֶת הַקֹּדֶשׁ כג): וֶוען צֶען אִידְן זֶעצְן זִיךְ צוּזַאמֶען, אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, נָאר דָאס אַלֵיין אַז מֶען הַאלְט זִיךְ מִיט אֵיין מַחֲשָׁבָה צוּזַאמֶען, בַּיי אֵיין רֶבִּי׳ן, הָאט דָאס אַזַא קְדוּשָׁה, אַז אֲפִילוּ מַלְאָךְ מִיכָאֵל - וָואס עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג זְכוּתִים אוֹיף אִידְן, קֶען אוֹיךְ נִישְׁט דָארְט צוּקוּמֶען.

אָבֶער וָואס טוּט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם? עֶר צוּבְּרֶעכְט דֶעם מֶענְטְשׁ: דוּ בִּיסְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד! דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעזִינְדִיגְט! בְּמֵילָא גְלֵייבְּט עֶר שׁוֹין נִישְׁט ׳אִין זִיךְ׳, אַז עֶר אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז זַיינֶע מִצְוֹות מַאכְן אוֹיךְ אַן אִיבֶּערְקֶעְרֶענִישׁ אִין הִימְל, אוּן וֶוען עֶר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם אִין זַיין שְׁטוּבּ, וֶוערְט דֶערְפוּן אַ יִחוּד אִין הִימְל. דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן סא; חֵלֶק ב, סִימָן פו; וְעַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קמ): ״אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶר הָאט

breslevcity.co.il

אִיז דֶער וֶועלְט וַוייטֶער גֶעוֶוען שְׁטִיל, און עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזאַלֶעכֶע נֵייעֶ חִידוּשִׁים, בִּיז דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ אִיז גֶעקוּמֶען, און עֶר הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען נָאךְ מֶער סוֹדוֹת [גֶעבּוֹיט לוֹיטְן 'זֹהַר'], וָואסְפַּארַא יִחוּדִים און שֵׁמוֹת עֶס אִיז דָא בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, און אַזוֹי הָאט עֶר שׁוֹין מֶער אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט דִי שְׁכִינָה אוֹיף דִי וֶועלְט; נָאכְדֶעם אִיז גֶעקוּמֶען דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב-הַקָדוֹשׁ, און עֶר הָאט שׁוֹין נָאךְ מֶער מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז מִיט 'הַשְׁגָחָה פְּרָטִיּוֹת', מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ וִוי 'טֶבַע מִקְרֶה מַזָל', נָאר יֶעדֶע זַאךְ אִיז מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע 'הַשְׁגָחָה' פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן [2], אַזוֹי וַוייט אַז

---

אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", און אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ, אִיז דָאס אַ מוֹרָא'דִיגֶער פְּגָם.

[2] אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא בְּרֶענְגְט (חוּלִין דַף ז ע"ב), דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הָאט גֶעזָאגְט: אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה עַד שֶׁמַּכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה - אַ מֶענְטְשׁ צוּקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אֲפִילוּ דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער, נָאר אַז מֶען רוּפְט דָאס פַארְדֶעם אוֹיס אִין הִימְל; און נִישְׁט אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ גוֹלֶם, וֶועגְן דֶעם

breslevcity.co.il

אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ פָּארְט מִיט אַ וָואגְן פוּל מִיט שְׁטְרוֹי, אוּן עֶס פַאלְט אַרָאפּ אַ שְׁטְרוֹי פוּנֶעם וָואגְן, אֵיין עֶק צוּ מִזְרָח זַייט אוּן אֵיין עֶק צוּ מַעֲרָב זַייט, אִיז דָאס אוֹיךְ 'הַשְׁגָּחָה'! פַארְוָואס אִיז עֶס נִישְׁט גֶעפַאלְן פוּן צָפוֹן צוּ דָרוֹם [3].

---

הָאבּ אִיךְ מִיךְ צוּקְלֶעמְט דִי פִינְגֶער אִין דִי טִיר. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (יוֹמָא דַף לח ע"ב): אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶּׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ וְכוּ' אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא – קַיין מֶענְטְשׁ אִין דִי וֶועלְט קֶען נִישְׁט אֲפִילוּ אָנְרִירְן אַזַאךְ וָואס גֶעהֶערְט פַאר אַ צְוֵוייטְן. אוֹיךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (בְּרָכוֹת דַף נח ע"א): אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט קֶער צוּ נֶעמֶען אוֹיף דִי מִיסְט, בַּאקוּמְט אוֹיךְ דֶעם פָּאסְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

[3] וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אַמָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים וִוי וַוייט יֶעדֶע זַאךְ אִיז 'הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוֹת', הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אֲפִילוּ אַז אַ קוּה גֵייט פַאשֶׁען אוּן עֶר לָאזְט אִיבֶּער מִיסְט אוֹיף אַ פְּלַאץ, אִיז דָאס אוֹיךְ מִיט הַשְׁגָּחָה פוּן בַּאשֶׁעפֶער. אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט דֶערוֹיף אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּשְׁמֵייכְלְט, אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶר הָאט גֶעלַאכְט דֶערְפוּן, הָאט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט אַז עֶר זָאל זִיךְ מוּזְן אִיבֶּערְצֵייגְן אִין דִי אֶמֶת פוּן דִי וֶוערְטֶער, אוּן דָאס אִיז גֶעשֶׁעהְן נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַפָּאר חֳדָשִׁים אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן וִוינְטֶער, אוּן דֶער תַּלְמִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוָה וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַ בַּארְג, אוּן דֶער גַאנְצֶער בַּארְג אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק אַייז, פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרָאפּ צוּ גְלִיטְשְׁן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּשְׁטֶעלְן בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ כַאפּ אָן אִין עֶפֶּעס אַ זַאךְ אִין דִי אַייז, אוּן עֶר גֶעט אַ קוּק, זֶעהט עֶר אַז דָאס אִיז פַארְפְרוֹירֶענֶע מִיסְט פוּן אַ בְּהֵמָה, וָואס זִי הָאט דָאס פוּנְקְט דָארְט אַרָאפְּגֶעלָאזְט, אוּן דָאס הָאט אִים גֶערַאטֶעוֶועט זַיין לֶעבְּן, ווַייל אַז מֶען גְלִיטְשְׁט זִיךְ אַרָאפּ פוּן אַזַא בַּארְג

breslevcity.co.il

און פון נָאךְ דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב-הַקָדוֹשׁ בִּיז יֶעצְט, אִיז וַוייטֶער דִי וֶועלְט שְׁטִיל גֶעוֶועןּ, אָן קַיין נַייעֶ חִידוּשִׁים, נָאר אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶעפִירְט לוֹיט וָואס דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב-הַקָדוֹשׁ הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען, בִּיז יֶעצְט וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען; און יֶעצְט - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט - הֵייבְּט אָן דוּרְךְ מִיר נִתְגַלֶה צוּ וֶוערְן אוֹיף דִי וֶועלְט אַזָאלֶעכֶע נַייעֶ און וואוּנְדֶערְלִיכֶע חִידוּשִׁים, וָואס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען פַארְדֶעם, און דִי חִידוּשִׁים וֶוערְן אַלְץ שְׁטֶערְקֶער און שְׁטֶערְקֶער, און עֶס וֶועט נָאךְ נִתְגַלֶה וֶוערְן גָאר וואוּנְדֶערְלִיכֶע חִידוּשִׁים.

ב.

כְּדֵי צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעקֶענְט מְחַדֵשׁ זַיין און מְגַלֶה זַיין מֶער פוּן וָואס רֶבִּי

בִּיז אוּנְטְן וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן צוּשְׁטִיקְלְט אַזוֹי וִוי דִי 'שָׂעִיר לַעֲזָאזֵל'. הָאט עֶר שׁוֹין דֶעמָאלְטְס גֶעזֶעהן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אִיז גֶעוֶוען גֶערֶעכְט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס שׁוֹין גֶעזֶעהן מִשֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית, און דָאס אָנְגֶעגְרֵייט אִים צוּ רַאטֶעוֶוען, און עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט קְוֶוענְקְלֶען און נָאכְטְרַאכְטְן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם רֶבִּי'ן.

breslevcity.co.il

שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אִינֶעם זֹהַר הַקָּדוֹשׁ? בִּפְרַט נָאכְדֶעם וָואס מִיר הָאבְּן שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע כְּתָבִים פוּנֶעם אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ, וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין 'עֵץ חַיִּים', 'פְּרִי עֵץ חַיִּים', 'שְׁמוֹנָה שְׁעָרִים' [4], אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ נָאכְדֶעם וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי לֶעכְטִיקֵייט פוּנֶעם בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים, וָואס זֵיי הָאבְּן מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מוֹרָא'דִיג אָפֶען, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אִין אַלֶע חַסִידִישׁ'עֶ סְפָרִים אַז עֶס שְׁטֵייט דָארְט אָפֶען 'אֱלֹקוּת', אוֹיבּ אַזוֹי וָואס אִיז שׁוֹין שַׁיָּיךְ מֶער מְגַלֶּה צוּ זַיין פוּן דֶעם?!

נָאר אַז מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין וֶועט מֶען דָאס שׁוֹין זֵייעֶר גוּט פַארְשְׁטֵיין, דִי צָרָה אִיז אַז מֶען קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף יֶענֶעם אוּן נִישְׁט אוֹיף זִיךְ. צוּם בַּיישְׁפִּיל: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א,

[4] נָאכְדֶערְצוּ וֶועט מֶען לֶערְנְט דָאס מִיט דִי הַקְדָמוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן 'רַשַׁ״שׁ' [רֶבִּי שָׁלוֹם שַׁרְעַבִּי] זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

breslevcity.co.il

סִימָנִים רמח – רלד; שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קלח): מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט אַרֵיין אִין אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אוֹיךְ גְלוּסְטְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן וֶועלְן נָאכְמַאכְן דֶעם צַדִּיק, דֶערְפַאר זָאל מֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם מְלַמֵד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב אוּן גָארְלִיצֶער רָב, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵד צוּ עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי מוּסָר? הָאט דֶער מְלַמֵד גֶעזָאגְט: יָא! אִיךְ לֶערְן מִיט זֵיי **חוֹבַת הַלְבָבוֹת**. זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: נֵיין! נִישְׁט דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אַז דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען מִיט זַיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ אוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ; אוּן דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע 'מוּסָר סֵפֶר', וַוייל בְּשַׁעַת מֶען שְׁמוּעֶסְט פוּן אַ צַדִּיק, וֶועקְט זִיךְ אוֹיף דִי **רוֹשֶׁם** אוּן דִי 'הֶאָרָה' פוּן יֶענֶעם

breslevcity.co.il

צַדִיק, אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אַז דִי הַאֶרֶץ זָאל צִיהֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (עַיֵן בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שָׁם).

דָאךְ אָבֶּער הָאט דָאס אוֹיךְ אַ מוֹרָא׳דִיגֶער חִסָרוֹן, וַוייל עַל-פִּי-רוֹב וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, קוּמְט גְלַייךְ דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אוּן זָאגְט פַארְן מֶענְטְשׁ: אֱמֶת טַאקֶע אַז דֶער צַדִיק אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט אַסַאךְ אוֹיסְהָארֶעוֶוען, מִמֵילָא וֶועגְן דֶעם אִיז עֶר גֶעוֶוען אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק, אָבֶּער דוּ, וָואס דוּ בִּיסְט אַזַא פְּרָאסְטֶער יוּנְג, ווִי אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען וֶוערְן אַ צַדִיק (לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, בִּרְכַּת הַשַׁחַר הֲלָכָה ג, אוֹת ו) ? !

קוּמְט אוֹיס, אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעהְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען מַכִּיר צוּ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער פַאר מִיר הָאט דָאס גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט, אִיךְ הָאב מִיךְ גֶעפִילְט אַזוֹי צוּקְלַאפְּט אוּן דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זִיכֶער אַז דִי אַלֶע זַאכְן

breslevcity.co.il

אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שַׁיָּיךְ פַּאר מִיר, מִמֵּילָא קֶען טַאקֶע זַיין אַז עֶס אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זַיי הָאבְּן גֶעקֶענְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן דוּרְךְ אַלֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אָבֶּער אִיךְ הָאב דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן, בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ מִיר, אוּן מִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אִיךְ קֶען אוֹיךְ זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּרְכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל מִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף פָשׁוּט אִידִישׁ.

אוּן דָאס אִיז דֶער מוֹרָא'דִיגֶער חִידוּשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, כָאטשִׁיג אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֶענֶען אוֹיךְ נָאר גֶעוָוארְן צַדִיקִים וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ק), דָאךְ אִיז דָאס נָאר גֶעוֶוען אַ וֶועג פַאר אֵיינְצֶעלְנֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקַייט אוּן דִי 'הִתְחַזְקוּת' צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער דָאס אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען בַּיי אַלֶע מֶענְטְשְׁן, בִּיז אֲפִילוּ אַזַא מִין נִידֶערִיגֶע מֶענְטְשׁ ווִי אִיךְ בִּין, וָואס אִיךְ בִּין שׁוֹין

breslevcity.co.il

נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט אַלֶע מִינֵי עֲבֵירוֹת, אוּן מַיין מֹחַ־מַחֲשָׁבָה טְרַאכְט נָאר פוּן שְׁמוּץ אוּן אַלֶע מִינֵי נַארִישְׁקַייטְן, זָאל מֶען אוֹיךְ קֶענֶען אַרַיינְבְּלָאזְן אַזַא גֶעוַואלְדִיגְן חַיּוּת אִין בַּאשֶׁעפֶער (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ח), בִּיז אִיךְ רֶעדְט שׁוֹין אוֹיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הָאט נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעטוּהן, אוּן דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חִידוּשׁ וָואס אִיז נָאר פַארְהַאנֶען ! ! !

וַוייל אַז עֶס קֶען קוּמֶען אַ רֶבִּי וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט 'אִים' גֶעזֶעהְן, אוּן נִישְׁט זַיין 'תַּלְמִיד', אוּן נִיטְאַמָאל זַיין 'תַּלְמִיד'ס תַּלְמִיד', [מֶען הָאלְט שׁוֹין הַיינְט בַּיים פוּפְטְן דוֹר פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן], נָאר אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט גֶעטְרָאפְן א בְּרֶסְלֶבְ'ן סֵפֶר'ל, אוּן דָאס הָאט אִין מִיר פְּלוּצְלִינְג אָנְגֶעצִינְדְן אַזַא מִין לֶעכְט, אַז 'אִיךְ' שְׁפִּיר שׁוֹין אוֹיךְ אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט, מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן אַלֶעס פַארֶעכְטְן, אוּן אִיךְ הֵייבּ שׁוֹין אוֹיךְ אָן צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַזַאךְ וָואס נָאר נְבִיאִים אָדֶער תְּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן גֶעטוּהְן !

breslevcity.co.il

וואונְדֶער אִיבֶּער וואונְדֶער - דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (בַּמִּדְבָּר יב ח): **פֶּה אֶל פֶּה אֲדַבֶּר בּוֹ** - עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער פָּנִים אֶל פָּנִים, בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אַזַא מְגוּשָׁמְ'דִיגֶער מֶענְטְשׁ וִוי מִיר, וָואס וֶוער וֵוייסְט וִויפִיל גִלְגוּלִים אִיךְ בִּין שׁוֹין אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט בִּיז יֶעצְט וְכוּ', דָאךְ קֶען עֶר אִין מִיר אַרַיין שַׁיינֶען אַזַא גֶעפִיל אִין בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ קֶענֶען אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דָאס אִיז דֶער גִילוּי פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אַזַא חִידוּשׁ אִיז נָאךְ טַאקֶע נִישְׁט גֶעוֶועןְ.

ג.

דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רמז): **חִידּוּשׁ כָּמוֹנִי עֲדַיִן לֹא הָיָה בָּעוֹלָם** - אַזַא חִידוּשׁ וִוי אִיךְ בִּין, אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶועןְ. פְּרֶעגְט דִי וֶועלְט אַ קַשְׁיָא: וָואס הֵייסְט עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶועןְ אַזַא חִידוּשׁ, עֶס אִיז דָאךְ גֶעוֶועןְ דִי **אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים** וְכוּ', נְבִיאִים, תַּנָּאִים וְאַמוֹרָאִים וְכוּ', וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַזַא

breslevcity.co.il

זַאךְ?! דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְויל עֶס פַארעֶנְטְפֶערְן (שָׁם בְּהַגָ"ה סִימָן הַנַ"ל), אַז אַזַא חִידוּשׁ מִיט אַזוֹיפִיל מַחְלוֹקֶת דָאס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶועןְ.

אָבֶער בְּאֶמֶת אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קַשְׁיָא, אוּן דֶער פְּשַׁט אִיז זַייעֶר פָּשׁוּט, וַוייל אַז מֶען קֶען נֶעמֶען אַזַא מְגֻשָּׁם'דִיגֶער מֶענְטְשׁ וְוי מִיר, אוּן אַזַא נִידֶערִיגְן מֶענְטְשׁ וְוי מִיר, אוּן אַרַיינְשַׁיינֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַזַא מִין גְלִיסְטֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז אִיךְ קֶען שׁוֹין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ אוֹיס'טַעֲנֶה'ן מִיט אִים, אוּן אַזוֹי אָנְצוּהֵייבְּן קוּקְן מִיט אַן אֶמֶת'ן אוֹיג אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן שׁוֹין זֶעהְן יֶעדֶע זַאךְ גָאר אַנְדֶערְשׁ, אִיז דֶען דָאס נִישְׁט דֶער גְרֶעסְטֶער חִידוּשׁ?!

אַדְרַבָּא קוּקְט אַרַיין אִין אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס אִיז נָאר דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, וֶועט אִיר זֶעהְן אוּן זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן צוּ עֶס אִיז נָאךְ דָא אַזֶעלֶעכֶע סְפָרִים מִיט אַזַא 'גִילוּי אֱלֹקוּת', וָואס קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אֲפִילוּ דֶעם נִידְרִיגְסְטֶען אוּן גֶעפַאלֶענְסְטְן מֶענְטְשׁ, בִּיז עֶר זָאל שׁוֹין

breslevcity.co.il

אוֹיךְ נָאר רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר וֶועלְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן [5].

ד.

דָאס אִיז נָאר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן לְגַבֵּי דִי זַאךְ פוּן 'תְּפִלָּה', אַז דוּרְכְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הֵייבְּט מֶען אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וָואס אִיז מִיט תּוֹרָה? אִיז דֶען מִיר אַמָאל אֲפִילוּ בֵּייגֶעפַאלְן אַז אִיךְ וֶועל אוֹיךְ קֶענֶען לֶערְנֶען 'מִשְׁנַיוֹת', אוּן עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה?!

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעטְרָאפְן אַ אַלְטְן אִיד פוּן אַכְצִיג יָאר[6], הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: אִיר הָאט שׁוֹין אַמָאל

[5] בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ קֶען דָאס מֵעִיד זַיין, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַ מוֹרָא'דִיגֶער תַּאֲוָה צוּ סְפָרִים, אוּן אִיךְ פַארְמָאג אַ רִיזִיגֶע לֵייבְּרֶערִי מִיט סְפָרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם דוּרְכְגֶעלֶערְנְט אַלֶע סְפָרִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כח).

[6] עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ וואוֹילֶער אִיד אוּן אַ יַחְסָן, אַן אֵיינִיקְל פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי שְׁלֹמֹה לוּצְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [מְחַבֵּר סֵפֶר דִּבְרַת שְׁלֹמֹה; תַּלְמִיד פוּנֶעם גְרוֹיסְן מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם סֵפֶר 'מַגִּיד דְּבָרָיו לְיַעֲקֹב' פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַגִּיד], וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ שַׁבָּת אִין 'יַבְנְאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב', הָאט עֶר

breslevcity.co.il

גֶעעֶנְדִיגְט 'שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה'? עֶפֶּענְט עֶר מִיר אוֹיף צְוֵויי גְרוֹיסֶע אוֹיגְן - וִוי אִיךְ וָואלְט גֶערֶעדְט עֶפֶּעס נִישְׁט צוּם זַאךְ - אוּן עֶר זָאגְט מִיט וואוּנְדֶער: בֶּעע... שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה? אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל 'קָדָשִׁים', אַבִּיסְל 'טָהֳרוֹת'! אִיךְ צוּ מִיר הָאבּ אִים אָנְגֶעקוּקְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אַ אִיד מִיט אַ לַאנְגֶע שְׁנֵיי וַוייסֶע בָּארְד, אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט קֵיינְמָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה? גֶעוַואלְד! זָאל עֶר דָאס כָאטְשׁ מְסַיֵּם זַיין אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן.

חֲזַ"ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (סַנְהֶדְרִין דַף ז' ע"א; תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק א): דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען אַ אִיד קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְּן, פְּרֶעגְט אִים דֶער 'שׁוֹמֵר הַפֶּתַח': לָאמִיר זֶעהְן, וואוּ אִיז דַיין חוּמָשׁ'ל? וואוּ אִיז דַיין מִשְׁנַיוֹת'ל? אוּן מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן: אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַארְיָאגְט! אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַארְפְלָאגְט! אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט

---

גֶעזָאגְט: אַ שַׁבָּת אִין יַבְנְאֵל אִיז הַאלְבּ 'יוֹם כִּיפּוּר' וַוייל אַלֶע גֵייעֶן אָנְגֶעטוּהְן וַוייס, אוּן הַאלְבּ 'שִׂמְחַת תּוֹרָה', וַוייל אַלֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ!

breslevcity.co.il

(לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפד): דָאס וָואס מֶען פְרֶעגְט אוֹיבְן אִין הִימְל דֶעם מֶענְטְש: קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה - הָאסְטוּ גֶעמַאכְט אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה? (שַׁבָּת דַף לא ע"א); מֵיינְט צוּ זָאגְן, אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְש, צוּ עֶר הָאט "אַרוֹיס גֶע'גַנָבֶ'עט" צַייט צַוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, טְרָאץ זַיינֶע פוּלֶע מִיטְמַאכְענִישְׁן, אוּן טְרָאץ זַיין פַארְנוּמֶענֶע סְקֶעדזשוּל; ווייל 'קָבַעְתָּ' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'גְזֵילָה' (עַיֵּין מִשְׁלֵי כב, כג), מֶען דַארְף גַזְלֶ'ן צַייט צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת וְכוּ'.

חֲזַ"ל זָאגְן (תּוֹסֶפְתָּא פֶּרֶק ז, הֲלָכָה ג): **הַמִּתְגַּנֵּב מֵחֲבֵירוֹ וְכוּ'** - אַז אֵיינֶער גַנְבֶ'עט זִיךְ אַוֶועק פוּן זַיין חָבֵר כְּדֵי צוּ לֶערְנֶען, כָאטְשִׁיג עֶר הֵייסְט אַ גַנָב הָאט עֶר אָבֶער גֶע'גַנְבֶ'עט פַאר זִיךְ; צוּם בַּיישְׁפִּיל, עֶס הָאט מִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָנְגֶעכַאפְּט אַ מוֹרָא'דִיגֶער בְּרֶען צוּ לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אַ שָׁעָה צַייט אָדֶער מֶער, אוּן אִיךְ ווִיל עֶנְדִיגְן אַ 'סֵדֶר מִשְׁנַיוֹת', פּוּנְקְט קוּמְט מִיר אָן אַ לֵיידִיגְייעֶר, אוּן עֶר זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק רֶעדְן מִיט מִיר, וָואס טוּה אִיךְ מִיט

breslevcity.co.il

אִים [7] ? אוֹיף דֶעם גֶעבְּן אוּנְז חֲזַ״ל דִי עֵצָה, מֶען זָאגְט אִים: אוֹי, אִיךְ הָאבּ אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט בַּיים דָאקְטֶער! אוּן אַזוֹי כַאפְּט מֶען הֶענְט אוּן פִּיס אוּן מֶען אַנְטְלוֹיפְט גְלַייךְ אִין אַ אַנְדֶערֶע ׳בֵּית הַמִּדְרָשׁ׳ לֶערְנֶען פְלַייסִיג. אֵיי אִיךְ הָאבּ דָאךְ יֶענֶעם ׳גוֹנֵב דַעַת׳ גֶעוֶוען, אוּן גֶעזָאגְט לִיגֶענְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ דֶען אַ אַפּוֹינְטְמֶענְט בַּיים דָאקְטֶער [8] ? אָבֶּער דָאךְ זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער תּוֹסֶפְתָּא (שָׁם), אַז מֶען מֶעג דָאס טוּהְן, וַוייל ׳גָּנַב לְעַצְמוֹ׳ עֶר הָאט גֶע׳גַנְבֶ׳עט פַאר זִיךְ: מֶעגְסְט דָאךְ מִיר לָאזְן הָאבְּן אַבִּיסֶעלֶע מְנוּחָה אוֹיךְ!

---

[7] חֲזַ״ל זָאגְן (קִדוּשִׁין ל ע״ב): אִם פָּגַע בְּךָ מְנֻוָּל זֶה, מָשְׁכֵהוּ לְבֵית הַמִּדְרָשׁ - אַז דֶער מְנֻוָּל [יֵצֶר הָרַע], טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ אָן אִין דִיר, שְׁלֶעפּ אִים אַרַיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ וֶועט עֶר זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן דִיר. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַמָאל גֶעזָאגְט ׳בְּדֶרֶךְ צַחוּת׳ (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קד): וָואס טוּט מֶען אַז דֶער מְנֻוָּל אִיז מִיר נָאכְגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוֹיךְ ? !

[8] בְּאֶמֶת פְלֶעגְן אוּנְזֶערֶע לַייט זָאגְן: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעט אוּנְז פַארְשִׁידֶענֶע דָאקְטוֹרִים! ״דָאקְטֶער פְרֵיילִיךְ״ [צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ], ״דָאקְטֶער פֶעלְדְמַאן״ [צוּ גֵיין אִין פֶעלְד], ״דָאקְטֶער לֶערְנֶער״ [צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה].

breslevcity.co.il

## ה.

אַװדאַי גײט אויף יעדן מענטש איבער פאַרשידענע צרות און שװעריקייטן, יעדן אויף אַן אַנדערן װעג, דערפאַר איז נישטאָ װעמען מקנא צו זײַן, און װאָס מקנא צו זײַן, אַזוי װי דער הײליגער רבי זאָגט (לקוטי מוהר״ן חלק ב, סימן קיט): עס איז נישט דאָ אויף דער װעלט קײן ׳עולם הזה׳! װײַל לויט װאָס מענטשן מאַכן מיט אויף די װעלט, איז דאָ דער גיהנום! נאָר אַז מען אַנטלויפט צום באַשעפער און מען רעדט צו אים, מאַכט מען דאָ דער ׳גן עדן׳.

און דערפאַר איז טאַקע דער גרעסטער מצוה מחזק צו זײַן אַ איד, אַזוי װי דער הײליגער רבי זאָגט (לקוטי מוהר״ן חלק א, סימן קו), אויפן פסוק: אַשרי משכיל אל דל (תהלים מא, ב); די גרעסטע צדקה איז צו מחזק זײַן אַ איד, אים אויפהייבן, און אַרײַנגעבן אַביסל שכל. כאָטשיג מען קען װען אין דער צײַט אַרײַנכאַפּן אַן אַ שיעור תורה, דאָך דאַרף מען אַמאָל אַלעס אַװעקלײגן כדי צו ראַטעװען די

לֶעבְּן פוּן אַ אִיד, אוּן אִים מְחַזֵק זַיין [9], אָבֶּער מֶען קֶען דָאס אוֹיךְ טוּהן מִיט שֵׂכֶל, אוּן זִיךְ מַאכְן אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶערְנֶען [10].

[9] אַ אַלְטֶער אִיד אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר, אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיין זוּהְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ, אַז זַיין וַוייבּ אִיז אִים אַוֶועק פַאר צְוֵויי חֳדָשִׁים צוּרִיק, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים פְּרוּבִּירְט צוּ טְרֵייסְטְן, אָבֶּער עֶר זָאגְט מִיר, אַז דִי קִינְדֶער הַאלְטְן אַז עֶר אִיז מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן! הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעשְׁרִיגְן דֶעם זוּהְן: דָאס אִיז **כִּיבּוּד אָב**? חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (סַנְהֶדְרִין כב ע"ב): **אֵין אִשָּׁה מֵתָה אֶלָּא לְבַעֲלָהּ** - אַ פְרוֹי שְׁטַארְבְּט נִישְׁט נָאר צוּ אִיר מַאן. וַוייל נָאר דֶער מַאן פִילְט דָאס דִי מֶערְסְטֶע, מִמֵילָא אִיז עֶס זֵייעֶר אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ אַז עֶר וֵויינְט אַזוֹי סַאךְ, פַארְקֶערְט אוֹיבּ וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוֵויינְט וָואלְט גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט, אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אִים בַּארוּאִיגְט.

[10] קוּמְט צוּ מִיר אַ אִיד 'עֶרֶב פֶּסַח', אוּן זָאגְט מִיר: אִיךְ הָאבּ בַּאשְׁלָאסְן אַז אִיךְ נֶעם זִיךְ דֶעם לֶעבְּן, אוּן אִיךְ גֵיי אַרַיין טַאנְצְן אִינֶעם 'אִיסְט רִיוֶוער'! פְּרֶעג אִיךְ אִים: אוֹיבּ אַזוֹי, פַארְוָואס בִּיזְטוּ גֶעקוּמֶען צוּ מִיר? דוּ ווִילְסְט אִיךְ זָאל דִיר גֵיין בַּאגְלֵייטְן?! זָאגְט עֶר: נֵיין, נָאר ווִיבַּאלְד אִיךְ לָאז דָא אִיבֶּער אַ זוּהְן מִיט אַ טָאכְטֶער ווִיל אִיךְ זָאגְן צַוָואָה! אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ זָאגְן דִי צַוָואָה, הָאבּ אִיךְ אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּרֶעדְן, אוּן אִיךְ פְּרֶעג אִים: זָאגְט מִיר, וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן? זָאגְט עֶר: עֶס אִיז אַ לַאנְגֶע מַעֲשֶׂה. זָאג אִיךְ אִים: אִיךְ הָאבּ גֶענוּג צַייט! קֶענְסְט מִיר פַארְצֵיילְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. פַארְצֵיילְט עֶר מִיר, אַז עֶר אִיז פַארְפְּלָאנְטֶערְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר אִיז אֵיינֶעם שׁוּלְדִיג גֶעבְּלִיבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן יֶענֶער ווִיל אִים הַרְגְ'עֶנֶען וְכוּ'! הָאבּ אִיךְ אִים אוֹיסְגֶערֶעדְט אוּן אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז יֶענֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט הַרְגְ'עֶנֶען, מֶען הַרְגְ'עֶט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל, אוּן אַז עֶר קוּמְט צוּ דִיר, טוּה דִיךְ אוֹיס דַיינֶע וֶועשׁ, אוּן גֶעבּ עֶס אִים, וָואס זָאלְסְטוּ טוּהן, דוּ הָאסְט נִישְׁט

breslevcity.co.il

מֶער פוּן דֶעם! אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אִים אוֹיסְגֶערֶעדְט, וִוילַאנְג עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיין גֶעכַאפְּט אַז דִי גַאנְצֶע שְׁרֶעק אִיז אַ נַארִישְׁקַייט אוּן אִיבֶּערְגֶעטְרִיבְּן, אַזוֹי בָּרוּךְ הַשֵּׁם הָאבּ אִיךְ אִים גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן, צוּם סוֹף רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: זֶעהט אִיר, נָאר דֶער רֶבִּי פַארְשְׁטֵייט מִיר! נָאכְדֶעם פְּרֶעגְט עֶר מִיר: אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט פוּן צַייט צוּ צַייט דָא אַרַיינְקוּמֶען אַייךְ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ? זָאג אִיךְ אִים: אַווַדַאי, וֶוען אִיר ווִילְט! דִי טִיר אִיז אָפֶען. קוֹדֶם אִיז עֶר רוּאִיג, אַז עֶר הָאט אַן אָפֶען טִיר, אָבֶּער וֶוען דוּ זָאגְסְט אִים גְלַייךְ: נֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט. צוּבְּרֶעכְסְטוּ אִים דָאךְ.

אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת, בְּמֶשֶׁךְ דִי פוּפְצִיג יָאר וָואס אִיךְ הָאבּ צוּטוּהְן מִיטְן צִיבּוּר, פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואלְט נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אוּן זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן, ווַייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ שְׁוֶוערְן מַצָּב דַארְף מֶען אִים מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק הֶעלְפְן, אוּן עֶס אִיז 'פִּיקוּחַ נֶפֶשׁ'!

דָאס אִיז טַאקֶע דֶער טַעַם פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיף מִיר אַזוֹיפִיל מַחֲלוֹקֶת, ווַייל אַזַא מֶענְטְשׁ נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט אִים אוֹיסְגֶערֶעדְט, אוּן עֶר כַאפְּט זִיךְ דִי נַארִישְׁקַייט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט, שֶׁעמְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, יֶעצְט פְּרֶעג אִיךְ אַייךְ: וֶועט עֶר דֶען וֶועלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ מִיר?! עֶר שֶׁעמְט זִיךְ דָאךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק! וֶוער רֶעדְט נָאךְ, אַז עֶר הָאט מִיר אוֹיסְדֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס עֶר אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, אוּן אִיךְ וֵוייס פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, אַווַדַאי שֶׁעמְט עֶר זִיךְ, מְמֵילָא הֵייבְּט עֶר אָן צוּ רֶעדְן אוֹיף מִיר 'כָּל דָבָר אָסוּר', אֵיי אִיךְ הָאבּ דָאךְ גָארְנִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט נָאר אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּהְן, אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן, ווַייל אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט אִין דֶער צַייט לֶערְנֶען נָאךְ אַסַאךְ דַפִּים גְמָרָא, פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ', אוּן אִיךְ הָאבּ אַלֶעס אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אַבִּי צוּ הֶעלְפְן אַ אִיד, אוּן מֶער פוּן דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן שֵׂכֶל.

breslevcity.co.il

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז צוּם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֶר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל אַרַייְנְגֶעקוּמֶען אַ אִיד, אוּן אִים גֶעזָאגְט: דֶער רֶבִּי דֶערְקֶענְט מִיר נִישְׁט? מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט צוּזַאמֶען אִין חֵדֶר! אוּן עֶר דֶערְמַאנְט אִים וָואס מִיט אִים אִיז אַלְץ אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין יֶענֶע יָארְן. דֶער הֵיילִיגֶער 'חֲתַם סוֹפֶר' הֶערְט אִים רוּאִיג אוֹיס, בִּיז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַלֶעס פַארצֵיילְן אוּן עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער וִויבַּאלְד דֶער אִיד הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הֶערְט אִים אוֹיס, אִיז עֶר אִין אַ קוּרְצֶע צַייט דֶערוֹיף נָאכְאַמָאל אַרַייְנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפָר. פְרֶעגְט עֶר אִים: וואַס וִוילְן זִיא [וָואס וִוילְט אִיר יֶעצְט]?! זָאגְט יֶענֶער: אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דָא דִי צַייט פַארְטְרַייבְּן! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפָר: אִיר הָאט אִיבֶּערִיג צַייט? טְרַייבְּן זִי עֶנְקֶער צַייט צוּ מִיר, וַוייל אִיךְ הָאבּ קַיין צַייט נִישְׁט, אֶפְשָׁר אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן צַייט!

קוּמְט אוֹיס אַז דֶער גְרֶעסְטֶער מִצְוָה אִיז אוֹיסְצוּהֶערְן אוּן אוֹיסְרֶעדְן אַ אִיד אוּן אִים מְחַזֵק זַיין, נָאר שְׁפֶּעטֶער

breslevcity.co.il

וֶוען יֶענֶער אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ, קֶען מֶען שׁוֹין יֶענֶעם שֵׁיינֶערְהֵייט מַסְבִּיר זַיין, אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ קוֹים גֶעלֶערְנְט הַיינְט, אוּן אִיךְ דַארְף אוֹיךְ עֶפֶּעס לֶערְנֶען.

ו.

מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען דָאס וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת דַף נ ע"א), אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קו, ג): **'עוֹשֵׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת' – זֶה הַזָּן וּמְפַרְנֵס אֶת בָּנָיו וּבְנוֹתָיו וְכוּ'**; וֶוער עֶס אִיז מְפַרְנֵס זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער דֶער טוּט שְׁטֶענְדִיג צְדָקָה. מֶען זֶעהְט אַמָאל מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועלְן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר דֶעם אוּן יֶענֶעם, אָדֶער אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וֶועט עֶר וַוארְפְן גֶעלְט, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעבְּן עֶפֶּעס אִין שְׁטוּבּ, אִיז עֶר גֶעפֶּערְלִיךְ קַארְג, אוּן אַמָאל אַרְבֶּעט נָאךְ דִי וַוייבּ, אוּן זִי מוּטֶשְׁעט זִיךְ אַהֵיימְצוּבְּרֶענְגֶען עֶפֶּעס גֶעלְט, אוּן עֶר שְׁלָאפְט זִיךְ בִּיז טִיף אִין טָאג אַרַיין, כִּמְעַט נָאכְמִיטָאג קוּמְט עֶר מִיט זַיין שֵׁיינֶעם טַלִּית בֵּייטְל אִין שׁוּהְל אַרַיין, אוּן נָאכְדֶעם נֶעמְט עֶר נָאךְ צוּ פוּן אִיר דִי גַאנְצֶע גֶעלְט... אוּן אוֹיבּ זִי הָאט עֶרְגֶעץ אוֹיסְגֶעגֶעבְּן

breslevcity.co.il

עֶפֶּעס גֶעלְט, אִיז עֶר פוּל מִיט טַעֲנוֹת אוֹיף אִיר! אָדֶער אַז עֶר דַארְף אִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס [פוּן אִיר] גֶעלְט, צִיטֶערְן אִים דִי הֶענְט!!!

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ מִיט מְחַזֵק זַיין מֶענְטְשְׁן, בֶּעפָאר דוּ גֵייסְט מְחַזֵק זַיין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, זַיי עֶנְדֶערְשׁ קוֹדֶם מְחַזֵק דַיין אֵייגֶענֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן מַאךְ זֵיי פְרֵיילֶעךְ! אַזוֹי וִוי דִי גְּמָרָא זָאגְט (רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַף ו ע"ב): אִשָּׁה, בַּעֲלָהּ מְשַׂמְחָהּ - אוֹיף דֶער מַאן לִיגְט דֶער פְלִיכְט פְרֵיילֶעךְ צוּ מַאכְן זַיין וַוייבּ. דֶערְפַאר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶע מִצְוָה אוּן דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, קוֹדֶם מְחַזֵק צוּ זַיין דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן זֵיי גֶעבְּן זַייעֶר גֶעבְּרוֹיכְן מִיט אַן אָפֶענֶע הַאנְט, נָאכְדֶעם קֶען מֶען שׁוֹין אוֹיךְ מְחַזֵק זַיין נָאךְ אַ אִיד.

וֶועגְן דֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַזַאלֶעכֶע לֶעכְטִיקֵייטְן אוּן הַשָּׂגוֹת, אוּן בַּיי וֶועם? בַּיי אַזַאלֶעכֶע פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשְׁן וִוי מִיר זֶענֶען, וָואס מִיר לִיגְן אִין 'שְׁאוֹל תַּחְתִּית'! מִיר טָארְן זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אֵיין

מִינוּט אַז מִיר זֶענֶען 'בַּעֲלֵי מַדְרֵגָה', וַוייל לֵיידֶער זֶענֶען מִיר פָּשׁוּטֶ'ע גְרָאבְּיַאנֶען, נָאר מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן אוֹיף וֶועם זִיךְ אָנְצוּלַאנֶען, און זִיךְ צוּ מְחַזֵק זַיין! אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ **לִבְרָכָה** שְׁרַייבְּט אַסַאךְ מָאל אִין דִי בְּרִיוְון (עַיֵין עַלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב תד): גֶעלוֹיבְּט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן אוֹיף וֶועם זִיךְ אָנְצוּלַאנֶען, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: דוּפֶּעט אוֹיף מַיין כֹּחַ. אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ נַאכְט פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן קצא): וָואס הָאט אִיר זִיךְ צוּ זָארְגְן וִויבַּאלְד אִיךְ גֵיי פַאר אַייךְ.

קוּמְט אוֹיס אַז כָּאטְשִׁיג מִיר זֶענֶען וֶוער מִיר זֶענֶען, גֶעט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אוּנְז אַזַא הִתְחַזְקוּת און אַזַאלֶעכֶע לִימוּדִים, בִּיז פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר אוּנְז גֶענוּמֶען און אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט פָּנִים אֶל פָּנִים כִּבְיָכוֹל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מִיר רֶעדְן שׁוֹין אוֹיךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער! וָואס אוּנְטֶער דֶעם תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, לִיגְט דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער חָכְמָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ

breslevcity.co.il

לִבְרָכָה זָאגְט אַסַאךְ מָאל: דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס תְּמִימוּת אִיז ׳עָמוֹק עָמוֹק מִי יִמְצָאֶנּוּ׳.

ז.

דֶערְפַאר כְּדֵי אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן עֶפֶּעס הַשָּׂגָה אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן מוּז עֶר זַיין בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט [11], אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן עב): פוּן וִוי וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ צַדִּיק, אֶפְשָׁר גֵייט עֶר צוּ אַ פָּשׁוּטֶ׳ער שַׁקְרָן אוּן פָּאפֶּער, וָואס נַארְט אִים סְתָּם אַרוּם?! נָאר אוֹיבּ עֶס פַאלְט אַרוֹיף אוֹיף מִיר אַ ׳שִׁפְלוּת׳, אוּן אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ קוּקְן: וֶוער אִיךְ בִּין, אוּן וִוי אַזוֹי אִיךְ קוּק אוֹיס. דֶעמָאלְטְס בִּין אִיךְ בַּיים אֶמֶת׳ן צַדִּיק, אָבֶּער אוֹיבּ עֶס קוּמְט אִין מִיר אַרַיין אַ ׳גַדְלוּת׳, אוּן

---

[11] אָבֶּער כְּדֵי צוּ זַיין בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט מוּז מֶען אוֹיךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סֵפֶר ׳לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן׳, בִּיז מֶען זָאל דָאס קֶענֶען אוֹיסֶענְוֵוייניג יָשָׁר וְהָפוּךְ אוּן הָפוּךְ וְיָשָׁר (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן שמו; שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קצט); אַז דָאס זָאל לִיגְן אִין דִי בְּלוּט, אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט דִיךְ אוֹיפְשְׁנַיידְן אַן אָדֶער, וֶועט שׁוֹין נִישְׁט קוּמֶען קַיין בְּלוּט נָאר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן.

breslevcity.co.il

אִיךְ הֵייב אָן צוּ טְרַאכְטְן: דוּ וֵוייסְט וֶוער אִיךְ בִּין?! אִיךְ בִּין אַ לַמְדָן! אַ מְקוּבָּל! דֶעמָאלְטְס זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דוּ בִּיסְט מְקוּרָב צוּ אַ גְרוֹיסֶער שַׁקְרָן [12].

אוּן דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּן אַ צַדִיק, אַז אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ זֶעהְן "וֶוער 'אִיךְ' בִּין", וַוייל בִּיז יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעקוּקְט אוֹיף יֶענֶעם, אוּן

[12] אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא זַאךְ וִוי מֶען קֶען מִיט דֶעם אַזוֹי פָּאפְּן מֶענְטְשְׁן וִוי מִיט קַבָּלָה! וִויבַּאלְד אַ דוּרְכשְׁנִיטְלֶעכֶער מֶענְטְשׁ קֶען דָאס נִישְׁט, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דוּ רֶעדְסְט, אוּן וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט, מְמֵילָא קֶען מֶען בַּיי אַזַא זַאךְ זֵייעֶר פַּארְנַארְן מֶענְטְשְׁן, אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיכֶער אַז עֶר וֵוייסְט וָואס עֶר רֶעדְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סד): וֶוען אַ תַּלְמוּד חָכָם זָאגְט אַ פִּלְפּוּל אוּן עֶס זִיצְן דָארְטְן עַמֵּי-הָאֲרַצִּים, קֶען עֶר צַאמְרֶעדְן שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, אוּן יֶעדֶער אִיז מַסְכִּים אוּן מֶען שָׁאקְלְט צוּ מִיטְן קָאפּ, אוּן מֶען בַּאווּאוּנְדֶערְט זַיינֶע שֵׁיינֶע חִידוּשִׁים [פַּארְוָואס נִישְׁט?], אָבֶּער אַז עֶס קוּמְט אַרַיין אֵיינֶער וָואס קֶען לֶערְנֶען, וַוייזְט עֶר אִים גְלַייךְ אוֹיף, אַז דִי קַשְׁיָא אִיז נִישְׁט קַיין קַשְׁיָא, אוּן דִי תֵּירוּץ אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ – אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָארְט מַסְבִּיר – וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, אִיז דָאס נָאר וַוייל עֶר אִיז אַ קְלֵיין-קֶעפִּיגֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט אַ הֶעכֶערֶע אוּן אַ גְרֶעסֶערֶע שֵׂכֶל, וֵוייסְט, אַז אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם קֻשְׁיוֹת, נָאר מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין; אָבֶּער וֶוער וִויל דֶען מוֹדֶה זַיין אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעס?!

breslevcity.co.il

גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: דִי סְפָרִים זֶענֶען טַאקֶע זַייעֶר גוּט פַאר 'יֶענֶעם בַּעַל תְּשׁוּבָה', 'יֶענֶער פְרֵייעֶר אִיד'! אָבֶּער אִיךְ? דוּ וֵוייסְט וֶוער אִיךְ בִּין?! אָבֶּער אַז מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק עֶפֶּענְט עֶר אוֹיף דִי אוֹיגֶן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ זֶעהְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן דֶער עִיקָר אָנְצוּהֵייבְּן צוּ קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן סז), וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר שׁוֹין זַייעֶר גוּט זֶעהְן אוּן פַארְשְׁטֵיין דֶעם מוֹרָא'דִיגְן חִידוּשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר הָאט מִיר אוֹיךְ גֶעקֶענְט צוּבְּרֶענְגֶען צוּ דִי אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אַנֶערְקֶענְט אוּן עֶר וֵוייסְט וֶוער עֶר אִיז, דֶעמָאלְטְס קוּמְט עֶר צוּם בַּאשֶׁעפֶּער מִיט אַן אֶמֶת, אוּן עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אוּן אִיךְ וֶוער לֵיידֶער נִכְשָׁל אִין 'פְּגַם הַבְּרִית' וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַיין **בַּת**-זוּג, וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיר? וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן?! **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט (סוֹטָה דַף ב ע"א), אַז פֶערְצִיג טֶעג פַאר 'יְצִירַת הַוָלָד' רוּפְט

breslevcity.co.il

מֶען שׁוֹין אוֹיס אִין הִימְל: ׳בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי׳; אוֹיב אַזוֹי וואוּ אִיז מַיין שִׁידוּךְ? פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ פוּן אַנְדֶערֶע?! וָואס דִי אֶמֶת׳עֶ תְּפִלּוֹת קֶערְן אִיבֶּער אַלֶע וֶועלְטְן, אוּן דָאס מַאכְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע רַעַשׁ אִין הִימְל, אוּן עֶר נֶעמְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע ׳דִינִים׳ וָואס דִי בֵּית-דִין שֶׁל מַעֲלָה ווִילְן אִים דַן זַיין, ווַייל ׳בֵּית-דִין שֶׁל מַעֲלָה׳ אִיז פוּנְקְט אַזוֹי ווִי ׳בֵּית-דִין שֶׁל מַטָּה׳ (עַיֵּין בְּרָכוֹת נח ע״א), אוּן פוּנְקְט אַזוֹי ווִי וֶוען אֵיינֶער רוּפְט אֵיינֶעם צוּ ׳דִין תּוֹרָה׳ מִיט דִי טַעֲנָה אַז עֶר הָאט אִים בַּא׳גַנְבֶ׳עט, אָבֶּער אוֹיב וֵוייסְט עֶר אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֶמֶת, וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן, אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק טַעֲנָה׳ן: אִיךְ הָאבּ דִיר בַּא׳גַנְבֶ׳עט? דוּ שֵׁיגֶץ וָואס דוּ בִּיסְט! דוּ הָאסְט דָאךְ מִיר צוּגֶענוּמֶען דָאס גֶעלְט, אוּן דוּ שֶׁעמְסְט דִיךְ נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר גֶע׳גַנְבֶ׳עט?! וָואס אַזוֹי אַרוּם, וֶועט בֵּית דִין קֶענֶען אַרוֹיסְגֶעבְּן דֶעם רִיכְטִיגְן פְּסַק [13], אַזוֹי אִיז

[13] פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אָבֶּער, אַז מֶען רֶעדְט וֶוען עֶס אִיז דָא עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים וָואס מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט אָפְּנַארְן, אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז דָא ׳שְׁלֹשָׁה רוֹעֵי בָּקָר׳ (סַנְהֶדְרִין כ״ד ע״א), דְרַיי פָּשׁוּט׳עֶ פַּאסְטֶעכֶער זֶענֶען רַחֲמָנָא לִצְלָן גֶעוָוארְן אַ בֵּית-דִין, אַוַודַאי וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין

breslevcity.co.il

אוֹיךְ בַּיים ׳בֵּית-דִין שֶׁל מַעֲלָה׳, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְצוּ׳טַעֲנָה׳ען מִיטְן בַּאשֶׁעפֶּער! (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן סט; לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קכד).

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַ אִינְגֶעוֶוערְמַאן וָואס הָאט שׂוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, דַארְף עֶר בֶּעטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה. אוּן אַזוֹי יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס אִיז דֶער גִילוּי פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קנד): אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ מַיין מַדְרֵיגָה נָאר וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ פְּרָאסְטַאק, אוּן אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אַ פְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ.

ח.

עֶס שְׁטֵייט אִין ׳שֻׁלְחָן עָרוּךְ׳ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תכ״ח, סְעִיף ד), אַז שְׁטֶענְדִיג קוּמְט אוֹיס פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר [וואוּ עֶס

---

חַיָּיב, דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ״ל (שַׁבָּת קלט ע״א), רֶבִּי יוֹסִי בֶּן אֱלִישָׁע זָאגְט: אַלֶע צָרוֹת וָואס אִידְן לַיידְן נֶעבֶּעךְ קוּמְט נָאר וֶועגְן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע דַיָּינִים.

breslevcity.co.il

שְׁטֵייט אַז מֶען זָאל צֵיילְן דִי אִידְן] פַּאר יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת, וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רסו): חוֹדֶשׁ סִיוָן וֶוען דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה אִיז פַּארְבִּינְדְן מִיט סוּכּוֹת, וַוייל דוּרְךְ סוּכּוֹת קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, וֶועגְן דֶעם אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן ׳סִוָּן׳: וְ׳יַעֲקֹב נָ׳סַע ס׳וּכֹּתָה וַ׳יִּבֶן לוֹ בָּיִת (בְּרֵאשִׁית לג יז); אוּן וֶועגְן דֶעם אִיז אוֹיךְ גְלַייךְ נָאךְ סוּכּוֹת ׳שִׂמְחַת תּוֹרָה׳, וַוייל אַז מֶען גֵייט אַרַיין אִין דִי סוּכָּה קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם תּוֹרָה וְכוּ׳. וָואסְפַּארַא שַׁייְכוּת הָאבְּן דִי אַלֶע זַאכְן מִיט קַבָּלַת הַתּוֹרָה?!

נָאר יֶעצְט אִיז אוֹיךְ ׳רֹאשׁ חוֹדֶשׁ׳ פַּאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן י, אוֹת ט): רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז דֶער שׁוֹרֶשׁ פוּן תְּשׁוּבָה! וַוייל דֶעמָאלְטְס הָאט כִּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער אַלֵיין אוֹיךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט קְלֶענֶער גֶעמַאכְט דִי לְבָנָה, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (חוּלִין דַף ס ע״ב): הֵבִיאוּ

breslevcity.co.il

כַּפָּרָה עָלַי – בְּרֶענְגְטְס אַ כַּפָּרָה פַאר מַיינֶעט וֶועגְן. מְמֵילָא קֶען יֶעדֶער אִיד זִיךְ אוֹיךְ וַואגן אוּן פַארְלַאנְגֶן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת, וֶועגְן דֶעם אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶער חֶסֶד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט ׳רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳ זָאל זַיין ׳רֹאשׁ חוֹדֶשׁ׳, וָואס אַזוֹי אַרוּם קֶענֶען מִיר זִיךְ עֶפֶּענֶען דָאס מוֹיל, מִיט אַ גוּטֶע טַעֲנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעם וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּהן אַגַאנְץ יָאר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן א).

וֶועגְן דֶעם זָאגְן חֲזַ״ל (יְרוּשַׁלְמִי מַכּוֹת פֶּרֶק ב, הֲלָכָה ו): וֶוען דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: וָואס זָאל מֶען טוּהן מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס זִינְדִיגְט? הָאבְּן אַלֶע גֶעזָאגְט: עֶר מוּז שְׁטַארְבְּן! אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל יח, ד): **הַנֶּפֶשׁ הַחֹטֵאת הִיא תָמוּת.** אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט: נֵיין! עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן אַלֶעס וֶועט וֶוערְן פַארְרִיכְטְן; וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַן ׳אָב הָרַחֲמָן׳, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אוּנְזֶער

breslevcity.co.il

׳נְשָׁמָה׳ אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט אַ גַשְׁמִיוּת׳דִיגְן ׳גוּף׳, אוּן אַז מִיר זֶענֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְוִוישְׁן דִי גוֹיִים מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע תַּאֲווֹת אוּן שְׁמוּץ, מְמֵילָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער פַארְשְׁטֵייט אוּנְז, אָבֶער דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל נָאר אֵיין זַאךְ: קוּם צוּרִיק צוּ מִיר, אוּן זָאג מִיר אוֹיס אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהן אוּן אִיךְ וֶועל דִיר מוֹחֵל זַיין.

אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן אִין דִי הַפְטוֹרָה פוּן ׳שַׁבָּת שׁוּבָה׳, (הוֹשֵׁעַ יד, ב): שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד הַוַיָ"ה אֱלֹקֶיךָ - דֶער נָבִיא הוֹשֵׁעַ זָאגְט: אִידְן, טוּט תְּשׁוּבָה אוּן קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם בַּאשֶׁעפֶער; וִוי אַזוֹי? זָאגְט דֶער נָבִיא וַוייטֶער (שָׁם שָׁם ג): קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה׳. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ (פְּסִיקְתָּא דְרַב כַּהֲנָא; שְׁמוֹת רַבָּה לח, ד): **אֵינוֹ מְבַקֵּשׁ מִכֶּם אֶלָּא דְּבָרִים** - "דֶער בַּאשֶׁעפֶער בֶּעט נִישְׁט פוּן עֶנְק, נָאר אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּ אִים". אַז אַ אִיד רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיז אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֶעס מוֹחֵל; וֶועגְן דֶעם אַז מֶען הָאט שֵׂכֶל אוּן מֶען זָאגְט גְלַייךְ אוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן, אוּן פַארְוָואס מֶען הָאט

breslevcity.co.il

דָאס גֶעטוּהְן, וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל דָאס טוּהְן, מֶען דֶערְצֵיילְט אַלֶעס אוֹיס פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, נֶעמְט מֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים אוּן עוֹנְשִׁים, אוּן נָאכְדֶעם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל קוּמֶען מְקַטְרֵג זַיין פַארְן בַּאשֶׁעפֶער (עַיֵין בָּבָא בַּתְרָא טז ע"א), זָאגְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: גֵיי גֵיי! עֶר הָאט מִיר שׁוֹין אַלֵיין דֶערְצֵיילְט. אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֵייט אַוֶועק מִיט חַרְפּוֹת אוּן בּוּשׁוֹת (זֹהַר הַקָדוֹשׁ בֹּא, דַף מא ע"א). קוּמְט אוֹיס אַז דֶער יְסוֹד אִיז "רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

ט.

דֶערְפַאר אִיז **שְׁבוּעוֹת** אוּן **סוּכּוֹת** אֵיין זַאךְ, וַוייל סַיי 'תּוֹרָה' אוּן סַיי 'סוּכּוֹת' קוּמֶען פוּן **בִּינָה**; וָואס דָאס מֵיינְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹנֵן אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין קְלָאר, אַז עֶר קֶען אוֹיךְ נָאנְט וֶוערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, כָאטְשִׁיג עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטוּהְן זַייעֶר אַסַאךְ עֲבֵירוֹת אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן נָאךְ יֶעצְט אִיז עֶר פוּל מִיט עֲבֵירוֹת, דָאךְ פַארְשְׁטֵייט עֶר שׁוֹין אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז

breslevcity.co.il

דָא מִיט אִים, אוּן עֶר קֶען שְׁטֶענְדִיג אַלֶעס פַארֶעכְטְן ; אוּן דָאס אִיז דֶער יוֹם-טוֹב סוּכּוֹת וָואס אִיז אַקֶעגְן דִי 'עֲנְנֵי הַכָּבוֹד' וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִי וָואלְקֶענֶעס פוּן וֶוען מֶען אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אוּן אוּנְז בַּאשִׁיצְט דִי גַאנְצֶע פֶערְצִיג יָאר אִין מִדְבָּר, דָאס הֵייסְט, אַז וואוּ מֶען אִיז נָאר גֶעגַאנְגֶען הָאט מֶען זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, וֶועגְן דֶעם וֶוען מֶען זִיצְט אִין סוּכָּה וָואס אִיז אַ זֵכֶר צוּ דֶעם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה ד, ו): וְסֻכָּה תִּהְיֶה לְצֵל וְגוֹ'. פִּילְט אֲפִילוּ אַ פְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט גֶעטְלִיכְקֵייט (עַיֵּין הַקְדָּמַת תִּקּוּנֵי זֹהַר דַף ב ע"ב), אוּן עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן מִתְבּוֹנֵן זַיין אוּן אַרַיינְקְלֶערְן : אֲפִילוּ וִוי נִידֶערִיג אִיךְ בִּין נָאר, אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער דָאךְ מִיט מִיר, וַוייל אַז אִיךְ אָטֶעם, אִיךְ גֵיי, אִיךְ זֶעה, אִיז דָאךְ דָאס אַלְץ דֶער בַּאשֶׁעפֶער !

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ גֶעשֶׁעהְט אוֹיךְ דוּרְךְ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה, אַזוֹי

breslevcity.co.il

ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן יז): וֶוען דִי תּוֹרָה זָאל דִיךְ אַרוֹיסְוַוייזְן זַיין פָּנִים וָואלְסְטוּ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוָואלְט קַיין שְׂכַר דֶערוֹיף, נָאר גֶעוָואלְט דִי תּוֹרָה אַלֵיין.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּנָא רֶבִּי יוֹסִי בֶּן פַּזִי, פַארְצֵיילְט דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ (לֶךְ לְךָ, דַף פט ע"א): פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעהֵייסְן 'בֶּן פַּזִי'? וַוייל וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ מְגוּשָׁמֶ'ער בָּחוּר אוּן אַ גְרָאבְּיַאן אִיז עֶר אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אוּן גֶעזָאגְט: רֶבִּי, אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער נָאר אַז אִיךְ וֶועל הָאבְּן דֶערְפַאר עֲשִׁירוּת אוּן אַסַאךְ גֶעלְט! רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעזֶעהְן אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל לֶערְנֶען תּוֹרָה, וַוייזְט עֶר אִים אוֹיף אַ בַּארְג מִיט גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ פוּנֶעם בֶּעסְטְן גִין-גָאלְד, אוּן עֶר זָאגְט אִים: דָאס וֶועט זַיין דַיינְס אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען! אוּן עֶר הֵייבְּט אָן מִיט אִים צוּ לֶערְנֶען, בִּיז עֶר הָאט שוֹין גֶעשְׁפִּירְט דִי גֶעשְׁמַאק אוּן דִי זִיסֶע טַעַם פוּן דִי תּוֹרָה, אֵיינְמָאל הָאט אִים רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעטְרָאפְּן ווִי עֶר וֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק,

breslevcity.co.il

פְרֶעגְט עֶר אִים: פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ? זָאגְט עֶר: אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן אַז אִיךְ וִויל לֶערְנֶען תּוֹרָה נָאר מִיט 'עֲשִׁירוּת', וַוייל דִי תּוֹרָה אַלֵיין אִיז דָאךְ זִיסֶער פוּן גָאלְד אוּן דִימַאנְטְן... אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים יט, יא): **הַנֶּחֱמָדִים מִזָּהָב 'וּמִפָּז' רָב!** דֶערְפַאר וִויל אִיךְ נִישְׁט מֶער דֶעם בַּארְג מִיט גָאלְד, אוּן עֶר הָאט דָאס טַאקֶע צוּרִיק גֶעגֶעבְּן. פוּן דֶעמָאלְטְס אָן הָאט מֶען אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן 'בֶּן פַּזִי', וַוייל עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה וָואס אִיז נָאךְ אַסַאךְ מֶער פוּן 'גִין גָאלְד' וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'פָּז'.

הַלְוַואי וָואלְט מֶען אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין אַלֶע יְשִׁיבוֹת דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, **מִקְרָא**: דוּרְכְגֵיין דִי חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגוּם, מֶען זָאל כָאטְשִׁיג מַעֲבִיר סֶדְרֶה זַיין, אוּן וִויסְן וָואסְפַארַא 'סֶדְרֶה' עֶס גֵייט דִי וָואךְ [14]; **מִשְׁנָה**: עֶס אִיז

[14] וַוייל לֵיידֶער אִיז מֶען זַייעֶר מְזַלְזֵל אִין מַעֲבִיר סֶדְרֶה זַיין, אוּן עַל פִּי רוֹב וֵוייסְט מֶען אֲפִילוּ נִישְׁט וֶועלֶעכֶע סֶדְרֶה עֶס גֵייט דִי וָואךְ, מֶען וֶועט שׁוֹין הֶערְן שַׁבָּת בַּיים לֵיינֶען

breslevcity.co.il

דָאךְ אַזוֹי זִיס צוּ זִיצְן מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת, אוּן דוּרְכְגֵיין נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס אִיז דֶער פַארְמֶעגְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג זִיכֶער מִיט אִים אוּן קֵיינֶער קֶען דָאס נִישְׁט צוּכַאפְּן; גְמָרָא: זִיצְן אוֹיף אַ פְּלַאץ אוּן דוּרְכְגֵיין אַ דַף נָאךְ אַ דַף גְמָרָא, "מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען בַּאצָאלְט אִין הִימְל פַאר אַ 'דַף גְמָרָא'! מְמֵילָא וֶועט מֶען לֶערְנְט אוֹיף אַזַא אוֹפָן (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו), אוּן מֶען אִיז זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם, נָאר מֶען כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג אַסַאךְ 'פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת', 'בְּלֶעטֶער גְמָרָא', 'סִימָנִים שֻׁלְחָן עָרוּךְ' גֵייט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ דִי מוֹרָא'דִיגְן זִיסְן טַעַם פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה, אוּן עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט

---

וֶועלֶעכֶע סֶדְרֶה עֶס גֵייט [וָואס טוּט עֶר אַז דִי סֶדְרֶה הֵייבְּט זִיךְ אָן: וַיְדַבֵּר ה' וְכוּ'?!] דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ צוּ גֶעוואוֹינֶען אָנְצוּהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרֶה צוּ זַיין פוּן זוּנְטָאג (עַיֵּין שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה סְעִיף ג', וּבַמִּשְׁנָה בְּרוּרָה שָׁם), אוּן אַז מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג צוּבִּיסְלֶעךְ אִיז עֶס נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרֶה יֶעדֶע וָואךְ.

breslevcity.co.il

שׁוֹין קְלָאר, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן.

ט.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען יֶעצְט מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ נִישְׁט צוּ פַארְפֶעלְן קַיין אֵיין טָאג צוּ לֶערְנֶען: מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אוּן אֲפִילוּ אַז מֶען קֶען נִישְׁט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַסַאךְ, זָאל מֶען כָאטְשׁ לֶערְנֶען 'אַבִּיסְל' דֶערְפוּן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט! וַוייל מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דִי גְּמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת פח ע"א; פְּסָחִים סח ע"ב): וֶוען נִישְׁט דִי תּוֹרָה וָואלְט דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט הַאלְטְן, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט נָאר גֶעוַוארְט אוֹיפְן זֶעקְסְטְן טָאג אִין סִיוָן, צוּ זֶעהְן אוֹיבּ דִי אִידְן וֶועלְן מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה וֶועט זַיין אַ וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט דִי וֶועלְט חָרוּב וֶוערְן. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי תּוֹרָה הַאלְט אָן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

breslevcity.co.il

דֶער הֵיילִיגֶער ׳אַבְנֵי נֵזֶר׳ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט, אַז זַיין טַאטֶע [הרה״ק רֶבִּי זְאֵב נָחוּם מִבִּיאַלֶא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְחַבֵּר סֵפֶר ׳אֲגוּדַת אֵזוֹב׳] פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג לֶערְנֶען מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הַתְמָדָה, אָבֶער דֶער עִיקָר פְלֶעגְט עֶר זֶעהְן צוּ לֶערְנֶען אִין דִי צַייטְן וֶוען כִּמְעַט קֵיינֶער לֶערְנְט נִישְׁט, צוּם בַּיישְׁפִּיל: ׳עֶרֶב שַׁבָּת׳ אוּן ׳עֶרֶב יוֹם-טוֹב׳ נָאכְמִיטָאג, ׳פּוּרִים׳, וֶוען יֶעדֶער אִיז פַארְיָאגְט, וַוייל דִי וֶועלְט קֶען זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן קַיין אֵיין מִינוּט אָן תּוֹרָה, אוּן וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן בַּאקוּמֶען פוּן הִימְל אַ מַתָּנָה אַזַא זוּהְן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער ׳אַבְנֵי נֵזֶר׳.

דֶערְפַאר וֶוער עֶס אִיז בֶּאֱמֶת מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן עֶר פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אִים אַזַא מִין טַעַם אִין דִי תּוֹרָה אַז עֶר וִויל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי תּוֹרָה, אוּן וואוּ עֶר גֵייט טְרָאגְט עֶר מִיט זִיךְ אַ מִשְׁנַיוֹת׳ל, אַ גְמָרָא׳לֶע אוּן אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

breslevcity.co.il

## י.

וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שנד): אוֹיף צְוֵויי כִּיתּוֹת הָאבּ אִיךְ רַחְמָנוּת: אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר, אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן; אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען שׁוֹין יָא מְקוּרָב צוּ מִיר נָאר זֵיי פָּאלְגְן מִיר נִישְׁט!

וַוייל אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין מְקוּרָב בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען מֶען זִיךְ אוֹיךְ גוּט נַארְן, אוּן זִיךְ נָאךְ אַסַאךְ מֶער נַארְן וִוי בַּיי אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט לֵיידֶער אַז עֶס זֶענֶען דָא אִין בְּרֶסְלֶב זֵייעֶר אַסַאךְ אַזַאלֶעכֶע וָואס טַעֲנָה'עֶן: וֶוער זָאגְט אַז מֶען דַארְף לֶערְנֶען תּוֹרָה? וֶוער זָאגְט אַז דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ?! מֶען דַארְף נִישְׁט לֶערְנֶען מֶער וִוי אַבִּיסְל הֲלָכָה, אַבִּיסְל מִשְׁנָה בְּרוּרָה יֶעדְן טָאג, אוּן פֶערְטִיג! אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אָפְּגֶעעֶנְדִיגְט זַיין גַאנְצֶער לֶעבְּן מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'מִשְׁנָה בְּרוּרָה'. אוּן וָואס אִיז מִיט דִי אַנְדֶערֶע חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה? בְּשַׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט פוּן לֶערְנֶען

breslevcity.co.il

תּוֹרָה, אוּן וִויפִיל מֶען דַארְף צַאמְלֶערְנֶען אִין אֵיין טָאג, אוּן עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶע'עֵצָה'ט מֶען זָאל לֶערְנֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעס.

אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען מֶער וִוי 'זָאגְן' דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען לֶערְנְט אִין אַ רֵייע, מְמֵילָא וֶועט מֶען שׁוֹין בַּיים סוֹף פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט, אוּן אֲפִילוּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, דָאךְ אִיז נָאךְ אַלְץ בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, "וַוייל לֶערְנֶען אַסַאךְ שְׁטֵייגְט אִיבֶּער הֶעכֶער אַלֶעם", אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען אַז מֶען זָאל אָנְיָאגְן צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְגֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַסַאךְ מָאל, בִּיז פוּן אַזוֹיפִיל לֶערְנֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועט זִיךְ דִי קָאפּ עֶפֶענֶען אוּן מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (עַיֵּין כָּל זֶה שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו)[15].

---

[15] נָאךְ פַּאר פוּנֶעף אוּן דְרַייסִיג יָאר צוּרִיק אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אֵיינֶער [עֶר אִיז הַיינְט פוּן דִי גְרֶעסְטֶע אוּן דִי שֶׁענְסְטֶע מַשְׁפִּיעִים אִין בְּרֶסְלֶב], זִיךְ מִתְוַכֵּחַ זַיין וֶועגְן דֶעם 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד', הָאבּ אִיךְ אִים אוֹיפְגֶעמִישְׁט דֶעם 'שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו', אוּן אִים

breslevcity.co.il

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דָא נָאךְ זַאכְן מִיט וָואס מֶען קֶען זִיךְ נַארְן, אוּן נָאךְ אָפְּנַארְן אַנְדֶערֶע אוֹיךְ, צוּם בַּיישְׁפִּיל: אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לִיגְט מֶער נִישְׁט אִין אוּמַאן נָאר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל! ווִיל אִיךְ אַייךְ פְּרֶעגְן פָּשׁוּט אַ שֵׂכֶלְ׳דִיגֶע קַשְׁיָא: אֲפִילוּ יֶעדֶער פָּשׁוּטֶ׳ער אִיד הָאט בַּיי זַיין לְוַיָה כָּאטְשִׁיג אַ מִנְיָן אִידְן, וָואלְט דָאךְ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַוַודַאי גֶעדַארְפְט זַיין כָּאטְשִׁיג הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן בַּיי דִי לְוַיָה וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט אִים אַרִיבֶּער[16]?! נָאר וֶוער עֶס

גֶעוִויזְן שְׁוַוארְץ אוֹיף וַוייס, דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן! קוּקְט עֶר אַרַיין אַזוֹי פַארְוואוּנְדֶערְט דֶערִין, נָאכְדֶעם מִישְׁט עֶר אוֹיף צוּם ׳שַׁעַר בְּלַאט׳, אוּן גֶעט מִיךְ אַ פְרֶעג: נִישְׁט אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְן דֶעם סֵפֶר?! מַיינֶע בַּחוּרִים וָואס הָאבְן דָאס צוּגֶעזֶעהן, הָאבְן זִיךְ גֶעקוֹילֶערְט פַאר גֶעלֶעכְטֶער...

[16] וֶוען מֶען הָאט מְפַנֶּה גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן שְׁטִיפִּינֶעשְׁטֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דִי גוֹיִים הָאבְן גֶעוָואלְט חָרוּב מַאכְן דֶעם בֵּית הַחַיִּים וואוּ עֶר אִיז גֶעלִיגְן, הָאט מֶען גֶעטְרָאפְן זַיין הֵיילִיגֶע קֶערְפֶּער אִינְגַאנְצְן גַאנְץ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער ׳חֲזוֹן אִישׁ׳ מִיט נָאךְ גְּדוֹלִים גֶע׳פַּסְקְ׳נְט, אַז מֶען זָאל אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם אָרוֹן אִין וָואס מֶען הָאט אִים אַרִיבֶּער גֶעבְּרֶענְגְט, נָאר אִים פִירְן אוֹיף אַ בֶּעטְל אַרוּמְגֶעוִויקֶלְט מִיטְן טַלִית, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז דִי סֵדֶר בַּיי אַ נִפְטָר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כְּדֵי יֶעדֶער זָאל זֶעהן וָואס הֵייסְט אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דְרַייסִיג-פֶערְצִיג יָאר פוּן זַיין פְּטִירָה, אִיז נָאךְ זַיין גוּף גֶעוֶוען מַמָּשׁ פְרִישׁ, אַזוֹי ווִי מֶען הָאט אִים יֶעצְט אַרַיין גֶעלֵייגְט, אוּן עֶס הָאבְן זִיךְ בַּאטֵיילִיגְט בַּיי דִי

breslevcity.co.il

הָאט נִישְׁט קַיין ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳, אִיז עֶר מוֹרָא׳דִיג אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְנַארְן מִיט פַארְשִׁידֶענֶע חָכְמוֹת.

יא.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַ מָשָׁל: אֵיינְמָאל אִיז אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר גֶעפָארְן אוּנְטֶערְוֶועגֶנְס מִיט אַ פוּלְן וָואגְן אוּנְגַארִישֶׁער וַויין, אִינְמִיטְן וֶועג הָאט אִים דֶער מְשָׁרֵת אוּן דֶער בַּעַל-עֲגָלָה גֶעבֶּעטְן: גֶעב אַ קוּק! מִיר פְּלָאגְן זִיךְ צוּ פָארְן מִיט דִיר דֶעם גַאנְצְן וֶועג, אוּן דֶער וַויין שְׁמֶעקְט אוּנְז אַזוֹי אַרַיין, גֶעב אוּנְז כָאטְשׁ צוּ פַארְזוּכְן אַבִּיסְל דֶערְפוּן. הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְזוּכְן פוּן דֶעם פַיינֶעם אוּנְגַארִישְׁן וַויין.

אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז דֶער מְשָׁרֵת הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אִין אַ וֶוערְצְהוֹיז אִין אַ קְלֵיין

---

לְוַיָה טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן, [עֶר אִיז גֶעוֶועזְן דֶער רֶבִּי פוּנֶעם הֵיילִיגְן רִיבְּנִיצֶער רֶבִּי אוּן סְקוּלֶענֶער רֶבִּי זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס זֵיי הָאבְּן אִים בַּאדִינְט אַלְץ בָּחוּר].

breslevcity.co.il

שְׁטֶעטֶעלֶע, אוּן דִי וַויין טְרוּנְקֶערְס הָאבְּן זֵייעֶר אוֹיסְגֶערִימְט דֶעם וַויין וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטְרוּנְקֶען, אַז דָאס אִיז דֶער גוּטֶער אוּנְגַארִישֶׁער וַויין, וָואס דָאס אִיז דֶער בֶּעסְטֶער וַויין! הָאט זִיךְ דֶער מְשָׁרֵת אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: גֶעט מִיר צוּ פַּארְזוּכְן אַבִּיסְל דֶערְפוּן, וֶועל אִיךְ אַייךְ גְלַייךְ קֶענֶען זָאגְן צוּ דָאס אִיז טַאקֶע דֶער אוּנְגַארִישֶׁער וַויין. וִוי נָאר עֶר הָאט דָאס פַּארְזוּכְט, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: אִיר הָאט אַ גְרוֹיסְן טָעוּת, דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין אוּנְגַארִישֶׁער וַויין! הָאבְּן זֵיי אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן אוּן אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט; אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט אוּן צוּרִיק גֶע׳טַעֲנָה׳עט, אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מְשָׁרֵת בַּיי אַ רִיזִיגְן בִּיזְנֶעס-מַאן, אוּן עֶר הָאט אִים אַמָאל גֶעגֶעבְּן צוּ קָאסְטְן פוּנֶעם אֶמֶת׳ן אוּנְגַארִישְׁן וַויין, אָבֶּער דָאס וָואס אִיר הָאט דָא אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דֶער אֶמֶת׳עֶר אוּנְגַארִישֶׁער וַויין; זַיי הָאבְּן זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט צוּטוּהְן גֶעמַאכְט פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער.

breslevcity.co.il

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם נִמְשָׁל: וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען שׁוֹין גוּט וִויסְן, וֶוען מֶען וֶועט גֶעבְּן פַאר יֶעדְן צוּ פַארְזוּכְן דֶעם יַיִן הַמְשׁוּמָר, אוּן אַנְדֶערֶע וֶועט מֶען קֶענֶען גוּט פַארְנַארְן, אוּן זֵיי גֶעבְּן פַארְשִׁידֶענֶע אַנְדֶערֶע וַויין פוּן 'פּוֹילְן' אוּן פוּן 'טְשֶׁעכֶעסְלָאוַואקְיֶע', אוּן מֶען וֶועט זֵיי זָאגְן אַז דָאס אִיז דֶער גוּטֶער 'יַיִן הַמְשׁוּמָר', אָבֶּער אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס הָאבְּן שׁוֹין פַארְזוּכְט פוּנֶעם אֶמֶת'ן גוּטְן אוּנְגַארִישְׁן וַויין, וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען פַארְנַארְן.

אוּן פַארְוָואס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דַוְקָא אָנְגֶעכַאפְּט אוּנְגַארִישֶׁער וַויין?! וַוייל אַ אוּנְגַארִישֶׁער אִיד גֵייט גְרָאד, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא בַּיי אִים קֵיין חָכְמוֹת בַּיי זַיין אִידִישְׁקֵייט[17], אוּן אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע דִי אוּנְגַארִישֶׁע

---

[17] כָאטְשִׁיג יֶעדֶער מַאכְט טַאקֶע חוֹזֶק פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע... אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אַ אוּנְגֶערִישֶׁער אִיד גֵייט גְרָאד, לְמָשָׁל אַ פּוֹילִישֶׁער אִיד אַז מֶען פְּרֶעגְט אִים: וואוּ אִיז דַיין לִינְקֶער אוֹיעֶר? נֶעמְט עֶר זַיין רֶעכְטֶער הַאנְט אוּן עֶר לֵייגְט דָאס אַרִיבֶּער הֶעכֶער זַיין קָאפּ צוּ דִי לִינְקֶע זַייט, אוּן אַזוֹי וַוייזְט עֶר אוֹיפְן לִינְקְן אוֹיעֶר...

breslevcity.co.il

אִידְן גֶעהַאלְטְן בַּיי אִידִישְׁקַייט, מֶען הָאט בַּיי זֵיי גֶעמַאכְט דֶעם טֵיילוּנְג, אַז מֶען הָאט נִישְׁט צוּטוּהְן מִיט קֵיין נֶעאָלָאגֶען, אוּן מִיט אַלֶע וָואס נוֹיגְן אָפּ פוּנֶעם אִידִישְׁן וֶועג מִיט אַלֶע נֵייעֶ חָכְמוֹת, נָאר מֶען גֵייט גְרָאד לוֹיט וִוי אַזוֹי מֶען הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן פוּן דִי צַדִיקִים.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נִישְׁט זִיךְ צוּ לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט אַלֶע בַּאבֶּע מַעֲשִׂיוֹת אוּן חָכְמוֹת, וָואס שְׁוִוימֶען שְׁטֶענְדִיג פְּרִישׁ אַרוֹיס, נָאר אָנְנֶעמֶען אוּן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי פָּשׁוּטֶ'ע שֵׂכֶל'דִיגֶע זַאכְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז, וָואס צוּ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען הָאט אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת.

### יב.

דֶערְפַאר יֶעצְט וֶוען מִיר גֵייעֶן מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּן דָאסְנַיי, דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק פְרֵייעֶן, אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר אִידְן הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה בַּיים בַּארְג

breslevcity.co.il

סִינַי, אוּן מִיר גֵייעֶן יֶעצְט נָאכְאַמָאל מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶער פְּרִישְׁקֵייט, אַזוֹי וִוי עֶס הָאט אַמָאל פַּאסִירְט שְׁבוּעוֹת, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ 'פְּתִיחַת הָאָרוֹן'[18], אִיז עֶר צוּגֶעלָאפְּן צוּם סֵפֶר תּוֹרָה, אוּן גֶעזָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! מִיר גֵייעֶן יֶעצְט מְקַבֵּל זַיין 'אַ נַייעֶ תּוֹרָה' 'אַ נֵייעֶ תּוֹרָה', אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דִי סֵפֶר תּוֹרָה, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן אַרוּם דִי בַּאלֶעמֶער אַזוֹי וִוי שִׂמְחַת תּוֹרָה.

יג.

אוּן דֶער עִיקָר אִיז 'שִׂמְחָה', אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד): דִי מֶערְסְטֶע

---

[18] דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אַליין עֶפֶענֶען דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה, וַוייל 'פְּתִיחַת הָאָרוֹן' אִיז נִישְׁט קֵיין כִּיבּוּד, נָאר עֶס אִיז דֶעמָאלְטְס אַ מוֹרָא'דִיגֶער עֵת רָצוֹן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיַּקְהֵל דַף רו ע"א): וֶוען מֶען עֶפֶענְט דֶעם 'אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ' עֶפֶענְט זִיךְ דִי הִימְל, אוּן מֶען קֶען דֶעמָאלְטְס פּוֹעֵל'ן בַּיים בּוֹרֵא כֹּל עוֹלָמִים וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן; דֶערְפַאר דִי צַדִּיקִים וֶוען זֵיי מַאכְן פְּתִיחַת הָאָרוֹן, זֶענֶען זֵיי דֶעמָאלְטְס מַזְכִּיר אוּן מִתְפַּלֵּל פַאר אַלֶע קְרַאנְקֶע אוּן צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן וָואס דַארְפְן אַ רְפוּאָה, אוּן פַאר אַלֶע אִידְן וָואס דַארְפְן פַּרְנָסָה, שִׁידוּכִים, וְכוּ'.

breslevcity.co.il

דַארְף מֶען אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה! וָואס דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדָה מֶער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת אִין דִי וֶועלְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ); עֶס אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ גְרִינְגֶער צוּ פַאסְטְן פוּן אֵיין שַׁבָּת צוּ דִי אַנְדֶערֶע, אוּן זִיךְ מְסַגֵף זַיין מִיט אַלֶע מִינֵי סִיגוּפִים [אוֹיב ווִיל עֶר אֶמֶת'דִיג], אָבֶּער פְרֵיילִיךְ זַיין קֶען עֶר נִישְׁט, וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָנִים כד, מח; שִׂיחוֹת הָרַ"ן שָׁם): מֶען זָאל זִיךְ אֲפִילוּ נַארִישׁ מַאכְן אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה; אוּן אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ: ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ? אִיךְ בִּין דָאךְ אַזַא 'גָארְנִישְׁט'! דָאךְ דַארְף עֶר זִיךְ מְחַיֶה זַיין אַז עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַלְץ אִיד, אוּן ווִי אַזוֹי עֶר קוּקְט נָאר אוֹיס, דָאךְ קַיין גוֹי אִיז עֶר נִישְׁט! וָואס וָואלְט עֶר גֶעטוּהְן אַז עֶר וֶוערט גֶעבּוֹירְן אַלְץ כִינֶעזֶער גוֹי, אוּן דִי אוֹיגְן וָואלְטְן גֶעקוּקְט אֵיינְס אַהֶער אוּן אֵיינְס אַהִין, אָדֶער בַּיי אַנְדֶערֶע אוּמָה, בָּרוּךְ הַשֵּׁם: שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי – אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט! וָואס דָאס אַלֵיינְס אִיז שׁוֹין דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב; חֵלֶק ב, סִימָן י).

breslevcity.co.il

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן טַאקֶע זוֹכֶה זַיין מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי תּוֹרָה פוּן דָאסְנֵיי בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוּן מַעֲבִיר סֶדְרֶה זַיין יֶעדְן טָאג, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, גְמָרָא כְּסִדְרָן, שֻׁלְחָן עָרוּךְ כְּסִדְרָן; בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּזַאמֶען מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים צוּ זֶעהְן אִין דִי 'גְאוּלָה' פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וּבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וּגְאֻלָּה שְׁלֵימָה, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

~תַּם וְנִשְׁלָם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

breslevcity.co.il